ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# עדיות

בלשון הקודש ואידיש

**226**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת עדיות

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת עדיות

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

(דף ב משנה ד) **א ולמה** מזכירין את דברי שמאי והלל לבטלה ללמד לדורות הבאים שלא יהא אדם עומד על דבריו שהרי אבות העולם לא עמדו על דבריהם:

(משנה ה) **ב ולמה** מזכירין דברי היחיד בין המרובין הואיל ואין הלכה אלא כדברי המרובים שאם יראה בית דין את דברי היחיד ויסמוך עליו שאין בית דין יכול לבטל דברי ב"ד חבירו עד שיהיה גדול ממנו בחכמה ובמנין היה גדול ממנו בחכמה אבל לא במנין במנין אבל לא בחכמה אינו יכול לבטל דבריו עד שיהיה גדול ממנו בחכמה ובמנין:

אם

מאחר. שחכמים אמרו בקצת מקומות לא כדברי זה ולא כדברי זה: למה הזכירו דברי שמאי והלל לבטלה. ישנה כתב כמו שקיימו חכמים ולמה הזכירו המחלוקת: שלא יהא אדם עומד על דבורו. כלומר שלא יפלור לקיים סברתו ויעמוד בה ויודיעוהו שישנה סברתו כי אבות העולם שם שמאי והלל נדחו דבריהם ולא עמדו חכמים על דבריהם כמו שקדם:

כוונת הלכה זו שאם עשו ב"ד מעשה כמאמר יחיד אין ב"ד אחר יכול לחלוק עליו ולפסוק הדין לפי סברת הרבים אלא א"כ המבטל זה הב"ד יותר מחשבון האנשים אשר עשו לפי סברת היחיד וגדול בחכמה ממנו ר"ל שיהיה ראש ישיבת זה הב"ד יותר חכם מראש ישיבת הב"ד הא' עכ"ל הרמב"ם ז"ל בפירושו:

## פרק ראשון

**א** ולמה. אז דער דין איז נים וויא שמאי אונ נים וויא הלל צו וואס דער מאנט מען אומזיסט זייערע רייד. זאל די משנה נאר זאגין וואס די חכמים האבען גזאגט. נאר די משנה וויל לערנען מוסר צו די מענטשין וואס וועלין געבארין ווערין אויף דער וועלט. אז א מענטש זאל נים בלייבען ביי זיינע רייד. אז אנדערע מענטשין זאגן עס איז נים וויא ער זאגט. זאל ער מודה זיין צו זייא אונ זאל אן נעמען זייערע רייד. ווארום שמאי אונ הלל וואס זענען געוועז די פאטערס ודיא גרויסע לייטן פון דער וועלט זענען אויך נים געבליבען בייא זייערע רייד. נאר זייא האבען מבטל געוועז זייערע רייד אונ האבען אן גינומען די רייד פון די צוויי וועבערס:

**ב** ולמה, צו וואס דער מאנט מען די רייד פון איין תנא צווישען די רייד פון פיל תנאים. אז דער דין איז נים וויא דער איין תנא זאגט. נאר וויא די פיל תנאים זאגן. דארף מען דאך גאר נים דער ציילען וואס דער איין תנא זאגט. ענטפערט די משנה דריבער שטיים די רייד פון איין תנא. טאמער וועט אמאהל גיפעלין צו בית דין די רייד פון איין תנא. וועלין זיי פסקנען וויא ער זאגט. אונ אז מען וועט נאר איין מאהל פסקנען וויא דער איין תנא. וועט שוין אזוי בלייבען אויף אייביג. ווארום איין בית דין קען נים מבטל זיין דעם דין וואס דער פריערדיגער בית דין האט גיפסקנת. סיידין דער גרעסטער פון דעם אנדערין בית דין זאל זיין א גרעסערער למדן פאר דעם גרעסטין פון דעם ערשטין בית דין. אונ די תלמידים זיינע זאלין זיין מער וויא די תלמידים פון דעם גרעסטין פון דעם ערשטין בית דין. אבער אז דער גרעסטער פון דעם אנדערין בית דין איז א גרעסערער למדן וויא דער גרעסטער פון דעם ערשטין בית דין איז געוועז. נאר די תלמידים פון דעם גרעסטין פון ערשטין בית דין זענען מער וויא די תלמידים פון דעם גרעסטין פון דעם אנדערין בית דין. אדער די תלמידים פון דעם גרעסטין פון אנדערין בית דין. זענען מער וויא די תלמידים פון דעם גרעסטין פון דעם ערשטין בית דין זענען געוועז. נאר דער גרעסטער פון דעם ערשטין בית דין איז געוועז א גרעסערער למדן וויא דער גרעסטער פון דעם אנדערין בית דין. קען נים דער אנדערער בית דין מבטל זיין די רייד פון ערשטין בית דין. סיידין דער גרעסטער פון דעם אנדערין בית דין זאל זיין א גרעסערער למדן פאר דעם גרעסטין פון דעם ערשטין בית דין. אונ די תלמידים זיינע זאלין זיין מער ווי די תלמידים פון דעם גרעסטין פון דעם ערשטין בית דין. אונ ווער קען דאס וויסען אויב דער אנדערער בית דין איז גרעסער וויא דער ערשטער אדער ניין. דריבער בלייבט אייביג דער דין וויא דער פריערדיגער בית דין פסקנת. אונ אז דעם פריערדיגען בית דין גיפעלט

אמאהל

(משנה ו) ג **אמר** ר' יהודה א"כ למה מזכירין דברי היחיד בין המרובין לבטלה שאם יאמר אדם כך אני מקובל יאמרו לו כדברי איש פלוני שמעת:

## רבי חנינא פרק שני

(דף ד ע"ב משנה ט) **א הוא** אומר האב זוכה לבן בנוי ובכח ובעושר ובחכמה ובשנים ובמספר הדורות לפניו והוא הקץ שנאמר (ישעיה מא) קורא הדורות מראש (דף ס) אע"פ שנאמר (בראשית טו) ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה ונאמר (שם) ודור רביעי ישובו הנה:

(משנה י) **ב אף** הוא היה אומר חמשה דברים של י"ב חדש. משפט דור המבול שנים עשר



לאמר. שקדם לנו במאמר בתועלת קיום דברי היחיד בין המרובים וזהו שאפשר שיפסוק בית דין כסברת אותו היחיד א"ר יהודה לאחר טעם זכר דברי היחיד בנדחים כלומר שאין עושין בית דין לעולם כדבריו. ואמר שהטעם להזכיר אותו לפי שאם למד אדם אותו הדבר ותחשב שהכל מודים בו וימצא שעושין הלוף הדברים ויבא בלבו ספק או נודע לו שזה הדבר שלמד הוא דעת יחיד ובכר נדחה עכ"ל הרמב"ם ז"ל:

הוא היה אומר. ר' עקיבא: בנוי. היופי ושנים החיים כלומר שיהיו ימי חייו קרוב לחיי אביו לפי שכשהוא קרוב לו במזגו יהיה קרוב לו בימי חיין בלא כפק ואלה הדברים נוהגים על הרוב וכן רוב דברים הטבעיים הם על הרוב האדם אם הוא בעל ממון מורישו לבנו ויאמר הבן מיותב בעושר אביו וכשהוא חכם הוא מלמד לבנו על הרוב ובתוספתא חכמים חולקים על ר' עקיבא שאין האב זוכה לבנו בחמשה דברים הלא עד הפרק שעדיין לא הגיע לעונת חיוב מלות אבל משהגיע לפרק אם הוא צדיק זוכה לעצמו ואם לאו אין אביו זוכה לו: ומספר הדורות לפניו והוא הקץ. ר"ל שישוב זמן הקץ לתכון כאשים עם השנים השנים עד שיהיה השיעור גזירות הש"י שאמר כך וכך דורות אנשים אחד מוליד שני יהיה מה שיעד השם בזו הביאה לאיה מן הקץ אשר שם השם לתכונתם עד היות מנין שנים ארבע מאות שנה השיבו אל הארצים ואמר דור רביעי ישובו הנה ויתחיל מזמן הורה מת"י כלומר ירידתן למצרים שהרי קהת מיורדי מצרים ומשה מיולדי מצרים ובני משה נכנסו לה"י אחר שיצד ממנה קהת והם דור רביעי לקהת והמרו ישובו הנה כאילו אמר משפט שיצאו מן הארץ הזאת עד הרביעי דורות ישובו אליה עכ"ל הרמב"ם ז"ל:

---

אמאהל צו פסקנען וויא איינער. בלייבט שוין אויף אייביג אזוי דער דין. דריבער שטייט דיא רייד פון איין תנא אויך:

ג אמר. רבי יהודה האט גזאגט אויב אזוי. וויא דיא רייד פון דעם איין תנא איז גאר אומזיסט קיינער וועט געוויס ניט פסקנען וויא ער: צו וואס איז דער טאנט זיינע רייד צווישען דיא רייד פון פיל תנאים. ענטפערט דיא משנה אויב אמענטש וועט אמאהל זאגין איך האב גיהערט אז דער דין איז אזוי. וועט איהם זיין אוואונדער פאר וואס פסקנט בית דין אנדערש. וועט מען איהם זאגן דוא האסט גיהערט אז יענער תנא זאגט אזוי. אבער פיל תנאים קריגען אויף איהם. אונ דער דין מוז זיין וויא דיא פיל תנאים זאגין: ניט וויא דער איינער זאגט:

## פרק שני

א הוא. רבי עקיבא האט גזאגט אפאטער וואס איז אצדיק איז ער זוכה ער זאל האבין אזוהן אשיינעם אשטארקין אדייכען אקלוגען אונ ער זאל לאנג לעבין. אונ גאט רעכונט אויס פאר דעם צדיק דעם חשבון פון דיא אלע דורות וואס וועלין גיבארן ווערין פון איהם. אונ דאס מיינט מען דעם סוף. אפילו עם טרעפט ציימען ביי די קינדער פון צדיק וואס עם גייט זייא ניט גוט. זאל מען זיך ניט וואונדערין. וואריום גאט מיינט דער עיקר דעם סוף. אז דער סוף זאל זיין גוט. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק גאט רופט דיא דורות פון אנהייב. ביי דעם פאטער דורפט גאט וואס עם וועט זיין מיט זיינע אלע דורות. וואס וועלין גיבארן ווערין פון איהם. אזוי וויא מיר זעהן אז גאט קוקט נאר דער סוף זאל זיין גוט. אפילו צו דיא מיטעלסטע דורות איז ניט גוט. אפילו גאט האט גזאגט צו אברהם אז זיינע קינדער וועט מען פייניגען אונ מען וועט דינען מיט זייא פיר הונדערט יאהר. האבען דאך דיא מיטעלסטע דורות שלעכט גיהאט. גאט האט אבער צו גזאגט אז דער פערטער דור וועט צוריק קומען אהער אין ארץ ישראל:

ב אף. נאך דאס רבי עקיבא גזאגט פינף זאכען זענען דא צו צוועלף חדשים. צוועלף

עשר חדש. משפט המצרים י"ב חדש. משפט איוב שנים עשר חדש. משפט גוג ומגוג לעתיד לבא שנים עשר חדש. משפט רשעים בגיהנם שנים עשר חדש שנאמר (ישעיה סו) והיה מדי חדש בחדשו. ר' יוחנן בן נורי אומר מן הפסח ועד העצרת שנאמר (שם) ומדי שבת בשבתו:

## רבי יהודה פרק חמישי

(דף מ ע"ב משנה ג) **א** רבי ישמעאל אומר קהלת אינו מטמא את הידים כדברי ב"ש ובה"א מטמא את הידים:

(משנה ו) **ב** עקביא בן מהללאל העיד ארבעה דברים א"ל עקביא חזור בך בד' דברים שהיית אומר ונעשך אב (דף ס) ב"ד לישראל אמר להן מוטב לי להקרא שוטה כל ימי ולא לעשות שעה אחת רשע לפני המקום שלא יהיו אומרים בשביל שררה חזר בו. הוא היה מטמא שער פקודה ודם הירוק וחכמים מטהרין

ומדי שבת בשבתו. ר"ל השבתות הרצופות אותם שהן שבתות כיהיום קלהם לקלהם והוא אומרו וספרתם לכם ממחרת השבת וקרא יום ראשון של פסח שבת כמו שאנו רואה ואז שיספרו אחריו שבע שבתות וכן אמרו בכאן שבת בשבתו רלה לומר השבת עם שבתות המיוחסות אליו וגם מ"מ יום כמו שיש מפסח ועד עצרת ואשר שצריך לזכור אלה שאמרים בכאן ואע"פ שאינם נכוונת במס' ואין בהם עדות וכמו כן הלכות הרבה באו במסכת זו ואין בהם עדות מוסף מאשר הוזכרו במקומותיהם מן המשנה הוא מה שאומר לך והוא כי כל דבר שבא במסכת זו כולם הלכות דברו בהם והעידו בהם במה שהעידו והכרו בהם במה שאמר ודע בהם במה שדנו ביום אחד בנגוד יום אחד בעצמו והוא יום שהושיבו רבי אלעזר בן עזריה בישיבה והוא אמרם עדיות בו ביום תקנוה וכן כל מה שיאמר במשנה בו ביום בשביל אותו היום הוא אומר ולא הטעם המלה כזו במסכת הלכות מעניינים משונים ודע זה ושמרהו:

אינו מטמא. דלא חשוב כאשר כתבי הקדש אלא חכמתו של שלמה: שער פקודה. מי שהיתה בו בהרת ובו שער לבן והלכה הבהרת ונשאר שער לבן במקומו וחזרה עקביא בן מהללאל מטמא וחכמים מטהרין וכו' ונקרא פקודה ע"ד משל

---

חֳדָשִׁים אִיז גִיוֶועֶן דֶער מַבּוּל אוֹיף דֶער וֶועלְט. אִיוֹב הָאט גִיהַאט יְסוּרִים צְוֶועלְף חֳדָשִׁים. דִיא מַכּוֹת פוּן מִצְרַיִם הָאט גִידוֹיעֶרְט (פוּן דָם בִּיז מַכַּת בְּכוֹרִים) צְוֶועלְף חֳדָשִׁים. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט גִידוֹיעֶרְן דֶער מִשְׁפָּט פוּן גוֹג וּמָגוֹג צְוֶועלְף חֳדָשִׁים. דֶער מִשְׁפָּט פוּן דִיא רְשָׁעִים אִין גֵיהִנָם דוֹיעֶרְט צְוֶועלְף חֳדָשִׁים. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְהָיָה מִדֵּי חוֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ. אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אִיבֶּער אַיאָהר דֶער וֶועלְבִּיגֶער חוֹדֶשׁ וָואס עֶר אִיז אִין אִיהם גִישְׁטָארְבֶּען. וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן גֵיהִנָם אוּנ וֶועט קוּמֶען זִיךְ בּוּקֶען פַאר גָאט. רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן נוּרִי זָאגְט וִוי פִיל טֶעג עֶס אִיז פוּן עֶרְשְׁטֶין טָאג פֶּסַח בִּיז שָׁבוּעוֹת (פוּפְצִיג טֶעג). אַזוֹי לַאנְג אִיז אַ רָשָׁע אִין גֵיהִנָם. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וּמִדֵּי שַׁבַּת בְּשַׁבַּתּוֹ. וִויא פִיל טֶעג עֶס אִיז פוּן עֶרְשְׁטֶין טָאג פֶּסַח וָואס עֶר הֵייסְט שַׁבָּת (וּמִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת) בִּיז שָׁבוּעוֹת וָואס עֶר הֵייסְט אוֹיךְ שַׁבָּת (וְהַשַּׁבָּת הַשְּׁבִיעִית). אַזוֹי לַאנְג אִיז מֶען אִין גֵיהִנָם. דֶער נָאךְ קוּמְט מֶען זִיךְ בּוּקֶען פַאר גָאט:

## פרק ראשון

**א** רַבִּי יִשְׁמָעֵאל זָאגְט אַז מֶען רִירְט אָן מִיט דִיא הֶענְט דֶעם סֵפֶר קֹהֶלֶת וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף פַּארְמֶעט וִויא אַמְגִילָּה. וֶוערְן נִיט טָמֵא דִיא הֶענְט. אַזוֹי זָאגֶן בֵּית שַׁמַּאי. אוּנ בֵּית הִלֵּל זָאגֶן דִי הֶענְט וֶוערְן יָא טָמֵא:

**ב** עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל הָאט עֵדוּת גִיזָאגְט אוֹיף פִיר זַאכֶען. הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים גִיזָאגְט צוּ עֲקַבְיָא. עֲקַבְיָא הָאבּ חֲרָטָה פוּן דִיא פִיר זַאכֶען וָואס דוּא הָאסְט גִיזָאגְט וֶועלִין מִיר דִיךְ מַאכֶען דוּא זָאלְסְט זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער פוּן בֵּית דִין בַּיי דִיא יוּדִין. הָאט עֲקַבְיָא גִיזָאגְט צוּ דִיא חֲכָמִים עֶס אִיז בַּיי מִיר בֶּעסֶער מֶען זָאל מִיךְ רוּפֶען אַזוֹי לַאנְג וִויא אִיךְ וֶועל לֶעבֶּין אִיךְ בִּין אַשׁוֹטֶה פַר וָוס אִיךְ הָאבּ נִיט גִיוָואלְט גְרוֹיס וֶוערְן אֵיידֶער זַיין אַרָשָׁע פַר גָאט אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין שָׁעָה. אִיךְ זָאל פַּסְקֶנֶן אַפַאלְשִׁין דִין. אוּנ אֲפִילוּ אִיךְ וָואלְט וִויסֶען בֶּאֱמֶת אַז דֶער דִין אִיז וִויא אִיךְ זָאגְט. אוּנ אִיךְ וָואלְט חֲרָטָה הָאבֶּען פוּן מַיינֶע רֵייד. וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ נִיט וֶועלִין גְרוֹיס וֶוערִין. מֶען זָאל נִיט זָאגֶן וַוייל אִיךְ הָאבּ גִיוָואלְט גְרוֹיס וֶוערִין דְרִיבֶּער הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה גִיהַאט פוּן מַיינֶע רֵייד אוּנ אִיךְ זָאג אַפַאלְשִׁין דִין. עֲקַבְיָא הָאט מְטַמֵּא גִיוֶועֶן דִיא בֶּעהַאלְטֶענֶע הָאר.

מטהרין והוא היה מתיר שער בכור בעל מום שנשר והניחו בחלון ואחר כך שחטו וחכמים אוסרין. הוא היה אומר אין משקין לא את הגיורת ולא את השפחה המשוחררת וחכמים אומרים משקין. אמרו לו מעשה בכרכמית שפחה משוחררת שהיתה בירושלים והשקוה שמעיה ואבטליון אמר להם דוגמא השקוה ונדוהו ומת בנדויו וסקלו ב"ד את ארונו א"ר יהודה ח"ו

כאילו סברה הפקידה אותו במקומה עד שתחזור אליו: ודם הירוק. אלא נדה: שער בכור. אמרה תורה לא תגוז בכור צאנך ואם התירו מומחה ואח"כ תלש ממנו שער או שנשר רבנן סברי אע"פ שהכל מותר לשחטו וליהנות מעורו ומבשרו אפי' הכי גזיזתו קודם שחיטה וכו': אין משקין את הגיורת וכו'. דכתיב דבר אל בני ישראל איש איש כי תשטה אשתו לאפוקי גיורת ומשוחררת ואין דרך לבן ישראל לישא אשה משוחררת ורבנן סברי אשתו הראויה לו וזו ראויה לו. והראב"ד פי' שעקביא דורש כי תשטה אשתו ולא שפחה כל ימיה כלומר מאחר שהוא יודע בה שהיא מודה לזנות כ.ר. כנסה על דעת כן ואין ראוי לומר בו ועבר עליו רוח קנאה ורבנן סברי אשה תחת אישה מ"מ: דוגמא השקוה. לפי שהיתה גיורת כמותם והם היו ג"כ גרים וכאילו הם לא סברו להרחיקה ולא להחזיקה בכל דיני ישראל. יש מפרשים דוגמא שלא כתבו לה רגלת

---

אויב איינער האט גיהאט אנגע ואבהרת) . און אין דעם בהרת איז גיווען ווייסע האר ; איז דער מענטש טמא . דער נאך איז דער בהרת אוועק גיגאנגען . און דיא ווייסע האר זענען געבליבען . און דער נאך איז דער בהרת צוריק גיקומען ודאס זעהט אויס וויא דער בהרת וואלט בעהאלטען דיא ווייסע האר ביי דיא הויט ביז ער וועט צוריק קומען . דריבער רופט מען דאס דיא בעהאלטענע האר) . זאגט עקביא דער מענטש איז טמא . ווארום מיר רעכענען פון אנהייב אן . מיר זאגן דער איצטיגער בהרת קומט פון דעם פריערדיגען בהרת . איז דאך גיווארין פריער אבהרת דער נאך ווייסע האר . דריבער איז ער טמא . און דיא חכמים זאגין מיר רעכענען פון איצט . ווארום פריערדיגער בהרת איז גיזונד געווארין . און דאס איז איין אנדער בהרת ; און דאך איצט פריער גיוועז דיא ווייסע האר דער נאך דער בהרת . דריבער איז טהור ; און אויב אאשה האט גיזעהן בלוט וואס דיא בלוט זעהט אויס גרין . עקביא זאגט דיא אשה איז טמא . און דיא חכמים זאגן דיא אשה איז טהור . דיא וואל וואס איז אראפ גיפאלען פון אשעפס וואס ער איז אבכור און ער האט אפעלער . און מען האט דיא וואל גילייגט אויף אפענסטער ואדער אויף איין אנדער ארט) . דער נאך האט מען דעם בכור גישאכטען . עקביא זאגט מען מעג הנאה האבען פון דיא וואל . און דיא חכמים זאגן מען טאר ניט הנאה האבן פון די וואל . עקביא האט גזאגט אגויה וואס האט זיך מגייר גיוועז און האט גענומען איודישען מאן . אדער אגוישע דינסט איז פריי גיווארן פון איר בעל הבית און זיא הט גענומען איודישען מאן ; און זייא האבען מזנה גיוועזן . גיט מען זייא ניט טרינקען דיא מים המאררים ; און די חכמים זאגן מען גיט זייא יא טרינקען דיא מים המאררים . האבען דיא חכמים גזאגט צו עקביא עס האט גיטראפען אין ירושלים איז גיוועזן אגוישע דינסט וואס דער בעל הבית האט איר פריי גימאכט . זיא האט גיהייסען כרכמית . און זיא האט גענומען אמאן . און זיא האט מזנה גיוועזן . האבען שמעיה און אבטליון איר גיגעבן טרינקען די מים המאררים . האט עקביא גזאגט צו דיא חכמים אזוי וויא מים המאררים האט מען איר גיגעבין טרינקען . אבער ניט אמתה מים המאררים . מען האט געמאכט וואסער אזוי וויא מים המאררים . און מען האט איר גיגעבן טרינקען ; זיא זאל מיינען אז דאס איז מים המאררים . וועט זיא דער שראקין ווערין . וועט זיא מודה זיין אז זיא האט מזנה גיוועזן ואדער אזוי מיינט דיא משנה שמעיה און אבטליון האבען איר גיגעבן טרינקען אמתה מים המאררים : נאר דוגמא השקוה . וויל שמעיה און אבטליון זענען גיוועזן גלייך וויא דיא כרכמית . זייא זענען גיוועזן גרים און דיא כרכמית איז אויך גיוועזן אגיורת . האבען זייא גיוואלט ווייזן אז גרים זענען גלייך מיט יודין צו אלע זאכען דריבער האבען זיי איר גיגעבן טרינקען אמתה מים המאררים) . האבען דיא חכמים מחרים גיוועזן עקביא וויל ער האט פאר שעמט שמעיה און אבטליון . און עקביא איז גישטארבען אין חרם . און בית דין האבן ארויף גילייגט אשטיין אויף זיין קבר . רבי יהודה זאגט חס ושלום מען זאל ניט זאגן אז מען האט מחרים גיוועזן עקביא . ווארום אפילו ערב פסח וואס אלע יודין זענען גיוועזן אין ירושלים .

און

ח"ו שעקביא נתנדה שאין העזרה ננעלת על כל אדם מישראל בחכמה וביראת חטא כעקביא בן מהללאל . ואת מי נדו את (ר') אלעזר בן (הקוף) [חנוך] שפקפק בטהרת ידים וכשמת שלחו ב"ד והניחו אבן על ארונו ללמד שכל המנודה ומת בנדויו סוקלין את ארונו :

(מגלה ז) **ג בשעת** מיתתו אמר לבנו בני חזור בך בד' דברים שהייתי אומר א"ל ואתה למה לא חזרת בך אמר ליה בני אני שמעתי מפי המרובים והם שמעו מפי המרובים אני עמדתי בשמועתי והם עמדו בשמועתן אבל אתה שמעת מפי היחיד (והם שמעו מפי המרובין) [ומפי המרובין] מוטב להניח את דברי היחיד ולאחוז את דברי המרובים א"ל אבא פקוד עלי לחבריך א"ל איני מפקד אמר ליה שמא עולה מצאת בי אמר ליה לא מעשיך יקרבוך ומעשיך ירחקוך :

אמר

מגלה בוטה אלא כתב בעלמא היה כתוב מתקו נבפתידה ונדוהו לפי שהמד לם ועיה ולאנטליון למצות בלא כדין כי אין עונין קן לפי שמוציא לעז על מי המרים באינס בודקין ולפירוש קמא נדוהו לכבוד הרב וסקלו ב"ד את ארונו לבזותו כדי שיתכפר לו : שאין עזרה ננעלת . בשעת שחיטת פסחים כדתנן בפסח שני בפ' תמיד נשחט נכנסה כת ראשונה נתמלאה העזרה ננעלו דלתות העזרה : שפקפק בטהרת ידים . שלא היה נוטל מרביעית או שלא היה נוטל עד הפרק ע"כ פי' הראב"ד במס' זו וקרוב לזה פי' הרמב"ם ז"ל והוא כתב בסוף ופי' מלת פקפוק על בוריו הוא הדבר שאין לו קיום והוא רופף והביא הזה הכאן ע"ד כדמיון נאוהו אבל בטהרת הידים שהיא מדרבנן והקיימה בישראל והחזיק ר"ל שהידים מסואבות מגלי שאר הגוף בדבר פלוני ובדבר פלוני ע"כ :

שמעתי מן המרובין . כי נחלקו הראשונים והיו מחלקה על מהלכה הוא שמע מן המחלקה האחת והם שמעו מן המחלקה האחרת כמי עקביא היה אומר כי אותם ששמע הוא מפיהם היו רוב וחבריו אומרים שהאחרים שכנגדם היו רוב : פקוד עלי לחבריך . שיקבלוני : מעשיך יקרבוך . אם התנהג במעשים טובים אין צריך שאפקדם עליך כי בלאו הכי יקרבוך ויגדלוך : ומעשיך ירחקוך . אם הם ואלום לא התנהג במעשים טובים אני הכן

---

**אונ** זייא זענען צו מייסט גיוואהן אין דריי טייל אריין צו גיין אין דיא עזרה. שעכטין דעם קרבן **פסח**. אונ צו יעדער טייל ווען זייא זענען אריין גיגאנגען אין דיא עזרה. האט מען דיא עזרה **פאר** שלאסען. צווישען דיא אלע יודין האט זיך ניט גיפונען איינער וואס זאל זיין אזוי א חכם אונ אזוי פרום וויא עקביא בן מהללאל איז גיוועזען. וועמען דען האט מען מחרים גיוועזן. דעם אליעזר בן חנוך האט מען מחרים גיוועזן. ווייל ער האט וואלוויל גיהאלטען דעם דין אז מען דארף וואשען דיא הענט צום עסין אדער צו אנדערע זאכען וואס דיא חכמים האבען גיהייסען מען זאל גאר וואשען דיא הענט אליין. ער האט ניט גיהאלטען פון דעם דין אז די הענט אליין זאלען קענען טמא זיין אן דעם גאנצן גוף. אז אליעזר איז גישטארבען. האבען בית דין געשיקט אונ מען האט גילייגט א שטיין אויף זיין קבר. דס רעדונט אונז ווער עס איז אין חרם. אונ איז גישטארבען אין חרם. לייגט מען ארויף א שטיין אויף זיין קבר:

**ג** בשעת. ווען עקביא איז גישטארבען. פאר זיין טויט האט ער גזאגט צו זיין זוהן דוא זאלסט חרטה האבען פון דיא פיר זאכען וואס איך האב גזאגט ניט וויא דיא חכמים. נאר דוא זאלסט פסקנן וויא דיא חכמים. האט דער זוהן גזאגט צו עקביא פאר וואס האסטו ניט חרטה. האט עקביא גזאגט צו זיין זוהן איך האב גיהערט דיא דינים פון פיל מענטשן. אונ די חכמים וואס קריגען אויף מיר האבען אויך גיהערט דיא דינים פון פיל מענטשן. איך בין געבליבען שטיין ביי דעם וואס איך האב גיהערט. אונ זייא זענען געבליבען שטיין ביי דעם וואס זיי האבען גיהערט. אבער דוא האסט גיהערט דיא דינים פון מיר וואס איך בין איינער. אונ דוא האסט גיהערט פון די חכמים וואס קריגען אויף מיר וואס זיי זענען פיל. איז בעסער אוועק צו לאזין דיא רייד פון איינעם. אונ אן נעמען דיא רייד פון פיל חכמים. האט דער זוהן גזאגט צוא זיין פאטער עקביא. טאטע זאג דיינע חברים זייא זאלן מיך מקרב זיין. האט עקביא גזאגט צום זוהן. איך וועל זייא גאר ניט זאגן. האט דער זוהן גזאגט צו זיין פאטער טאטער האסטו אין מיר גיפונען א שלעכטע זאך. האט עקביא גזאגט צום זוהן. ניין. איך האב אין דיר ניט געפונען קיין שלעכטע זאך. נאר דיינע גוטע מעשים וועלין דיך מקרב זיין אפילו איך וועל ניט זאגן. אונ דיינע שלעכטע מעשים וועלין דיך דער ווייטערין. אונ עס וועט ניט העלפין וואס איך וועל זייא זאגן:

אמר

שירחקך ולא שיכבדוך בשביל טוחתי : ע"כ פי' הרמב"ם ז"ל :

בן ציון . גברא אלמא הוה : רבי יהודה אומר . לקרב את הכשרים שנתרחקו ולא ירחק את הפסולים דאע"פ שקרבום בזרוע הבאה נמאת המערבו בכשרים וכיון שנטמעו נטמעו : להשוות את המחלוקת . במשפחות שמתגרות זו בזו כדאמרינן בפרק עשרה יוחסין אמר רבי יהושע בן לוי אם ראיה שתי משפחות שמתגרות זו בזו שמא פסול יש באחד מהם ואין מניחים אותה לידבק בחברתה ואליהו יפייס ויבנים ביניהם ותכ"א לא לרחק ולא לקרב :

## העיד רבי יהושע פרק שמיני

(דף יג מכה ז) **א אמר** ר' יהושע מקובל אני מרבן יוחנן בן זכאי ששמע מרבו ורבו מרבו הלכה למשה מסיני שאין אליהו בא לטמא ולטהר לרחק ולקרב אלא לרחק את המקורבין בזרוע ולקרב את המרוחקים בזרוע משפחת בית הצריפה היתה בעבר הירדן ורחקוה בני ציון בזרוע ועוד אחרת היתה שם וקרבוה בני ציון בזרוע כגון אלו אליהו בא לטמא ולטהר לרחק ולקרב. רבי יהודה אומר לקרב אבל לא לרחק. ר' שמעון אומר להשוות את המחלוקת וחכמים אומרים לא לרחק ולא לקרב אלא לעשות שלום בעולם שנאמר (מלאכי ג) הנני שולח לכם את אליה הנביא לפני בוא יום ה' הגדול והנורא והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם :

אמר

---

## פרק חמישי

**א** אמר. רבי יהושע האט געזאגט איך האב געהערט פון רבן יוחנן בן זכאי. און רבן יוחנן האט געהערט פון זיין רבי. און זיין רבי האט געהערט פון זיין רבי אז אזוי איז געזאגט געווארן צו משה רבינו אויף דעם בארג סיני אז אליהו הנביא וועט ניט קומען מטמא צו זיין די ממזרים און דיא גבעונים וואס זענען אריין געמישט געווארן אין א משפחה. צו ווייזען ווער זייא זענען: דורך דעם זאל טהור ווערין דיא גאנצע משפחה. און ער וועט ניט דער ווייטערין דיא פסולה מענטשין וואס זענען אריין געמישט אין א משפחה. ער זאל דער נענטערין דורך דעם דיא גאנצע משפחה. ער וועט נאר קומען דער ווייטערין דיא פסולה מענטשין וואס מען ווייס אז זייא זענען פסול. נאר ווייל מען הט מורא גיהאט פאר זייא האט מען זייא גיטוהן דער נענטערין. און ער וועט נאנט מאכען דיא מענטשין וואס מען ווייס אז זייא זענען כשר. און מען האט זייא דער ווייטערט מיט שטארקייט:

אויף דער זייט ירדן איז גיוועזן א משפחה מען האט איר גירופען בית צריפה און זיי זענען גיוועזן כשרה מענטשין. האט בן ציון זייא דער ווייטערט מיט שטארקייט. און ער הט אויס גירופען אויף זייא אז זייא זענען פסול. און נאך א משפחה איז דארט גיוועזן וואס זייא זענען גיוועזן פסול. און בן ציון האט זייא מיט שטארקייט נאנט גימאכט. און האט אויס גירופען אויף זייא אז זייא זענען כשר. אזעלכע משפחות וועט אליהו הנביא קומען און וועט זאגען וועלכע משפחה איז טמא און וועלכע איז טהור. און וועלכע מען דארף דער ווייטערין און וועלכע מען דארף דער נענטערין. רבי יהודה זאגט אליהו וועט נאר קומען דער נענטערין דיא וואס זענען דער ווייטערט גיווארן. אבער דיא וואס זענען איין מאהל דער נענטערט גיווארן; וועט ער ניט דער ווייטערין. רבי שמעון זאגט אליהו הנביא וועט קומען צו פאר גלייכען דיא קריג וואס צווישען דיא חכמים. און דיא חכמים זאגען אליהו וועט ניט דער ווייטערין און ניט דער נענטערין. נאר ער וועט מאכען שלום אויף דער וועלט צווישען דיא מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל שיקען צו אייך אליהו הנביא איידער עס וועט קומען דער גאטליכער טאג דער גרויסער און דער פורכטבארער און ער וועט אומקערין דיא הארץ פון דיא פאטערס צוא דיא קינדער. און דיא הארץ פון דיא קינדער צו די פאטערס:

## סליק מסכת עדיות